# יחידתי

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת צו - פרה תשפ"ד / גליון פ"ב


**הלימוד היומי בספרי חסידות**

**לשבוע הבעל"ט**
**ספה"ק מאור עינים** (לך)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | והנה הגם שהנשמה |
| שני | אל הארץ אשר |
| שלישי | ואגדלה את שמך |
| רביעי | וילך אברם כאשר |
| חמישי | ויאמר ה' אל אברם עד ד"ה אך שהחסד |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624


מפעלות חסידות קול דודי
לעבן מיטן אייבערשטן
0722 531 385

מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אידרופה
033.0551.7811
ספעציעלע אפטיילונג פון שמועס'ן פון
מעמדים און כינוסים
אין נומער 6


## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# שוואך אדער שטארק?

## לויטער 'הכנעה' איז גארנישט ווערד, נאר בלויז ווען דאס איז דורכגעדרינגען מיט געטליכע חיות - דעמאלט איז עס טייער און הייליג

יעדער פון אונז האט זיך שוין זיכער באגעגנט מיט גאר אן אינטערעסאנטע ערשיינונג וועלכע רופט אויס וואונדער און פאדערט א הסבר.

מיר באגעגענען זיך זייער אסאך מיט זיי, זיי זענען ממש זיידענע חסיד'ישע אינגעלייט, מענטשן וואס זייער גאנצער מהות שרייט ארויס הכנעה און ענוה, זיי שטייען נישט אויף זייער מיינונג, זיי זענען שנעל מוותר, זיי זענען מכבד א צווייטן אויף א זעלטענעם פארנעם, מען קען זיי טשעפען און שטעכן און זיי רופן זיך גאנישט אן. און בכלל איז זייער הארץ צובראכן און צוריסן אויף פיץ פיצלעך, זיי האלטן אין איין זאגן אויף זיך, אז זיי טויגן נישט מיט דאס און מיט יענץ, און זיי הערן נישט אויף צו שפירן אז זיי האבן נאך קיינמאל נישט אנגעפאנגען צו טון אין עבודת ה'.

בקיצור: עס שפירט זיך, ווי זיי זענען עפעס א גראזל וועלכע ווערט צובלאזן פון יעדן ווינטל.

אבער... דערוואגן זאלסטו זיך נאר צו אנהייבן מיט זיי ווען עס רעדט זיך פון אידישקייט! אה, דארט איז שוין אן אנדערע מעשה אינגאנצן. אין דער רגע וואס עס האנדלט זיך פון עפעס וואס איז נוגע צו 'אמונה', תורה און מצוות - איז ער דא מיט כוחות פון א לייב. טאמער זעט ער ערגעץ עפעס א זלזול אין 'כבוד שמים', און 'כבוד תלמיד חכם', און כבוד פון א אידיש קינד - איז ער פלוצלינג שוין גארנישט אזא מעקעלע... ער ווייסט שוין איינמאל וויאזוי ארויסצוזאגן זיין מיינונג מיט אלע באק ציינער. ער איז שטארק מיט זיין מיינונג און ער רעדט מיט א פעסטקייט - אן קיין שום ביטול און קווענקל.

בקיצור: עס שפירט זיך ווי א הויכער דיקער בוים, וועלכער שטייט אויסגעצויגן מיטן גאנצן פראכט און שטארקייט, פול מיט זעלבסט זיכערקייט...

עס ווילט זיך צוגיין צו אים און פרעגן: "ר' מרדכי זיי מיר מסביר פאר איין מינוט, נעכטן ביים חסיד'ישן 'זיץ' ביסטו געווען אינגאנצן צוקוועטשט, דו האסט גע'טענה'ט אז דו ביסט דער קלענסטער און נידריגסטער פון אלע וועלכע זענען דארט געזעסן, און אז הלואי זאלסטו זוכה זיין תשובה צו טון - כאטש מיט אזא תשובה ווי יענער בעל הבית... נו, וואס איז היינט געשען אז דו ביסט פלוצלינג געווארן אזוי שטארק און זיכער מיט דיר? אינ'אמת'ן האב איך שוין נעכטן געהאט א קושיא אויף דיר, איין מינוט זאגסטו אז דו ביסט א גארנישט מיט גארנישט, און א מינוט שפעטער זאגסטו ארויס אזעלכע הייקעלע הגדרות אין חסידות? אויב ביסטו אזא גרויסער שייגעץ, נו, ווי האסטו רעכט ארויסצוזאגן א ווארט און א דעה אין חסידות?

## צוויי חלקים אין ביטול

דער אמת איז, אז אט דער ערשיינונג איז נישט קיין וואונדער, נאר דאס איז א שטארקער יסוד אין דער עבודה פון ביטול. דאס הייסט, 'ביטול' איז נישט בלויז 'הכנעה'. דער חלק פון 'הכנעה' איז בלויז האלב פון דער מעשה! די מעשה האט נאך א האלב וועלכע רופט זיך 'דביקות' אינעם אויבערשטן. בלויז ווען מען שטעלט צוזאם א רעצעפט פון הכנעה און ביטול - צוזאמגעמישט מיט געטליכע שטארקייט - דעמאלט ארבעט עס! אט דאס איז דער ריכטיגע ביטול.

אט אזוי שמועסט אויס דער 'שפת אמת' (פרה תר"מ) אין נאמען פון זיין זיידן דער 'חידושי הרי"ם', מיט א קנייטש וואס ער לייגט צו:

**"בְּשֵׁם מו"ז ז"ל, בְּעִנְיַן טַהֲרַת אֵפֶר פָּרָה, דִּכְתִיב 'מַיִם חַיִּים' - וְהוּא הָאָרַת הַתּוֹרָה. וְצָרִיךְ לִהְיוֹת מִקֹּדֶם בָּטֵל כֶּעָפָר לִזְכּוֹת לְחַיּוּת הַתּוֹרָה. לָכֵן קָדְמָה 'פָּרָה' לְ'חֹדֶשׁ', דְּאֵין כָּל חָדָשׁ תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ', רַק עַל יְדֵי בִּטּוּל הַטֶּבַע מִקֹּדֶם"**. מען קען נישט זוכה זיין צו א געטליכער אור און חיות - אָן זיין בטל ווי א שטיק בלאטע! איידער מיר טרעטן צו צום 'שבת החודש' - צו באקומען א פרישער אור און חיות - מוזן מיר קודם דורכגיין א טהרה פונעם 'אפר פרה', צו זיין 'נישט' און 'אויס' ווי אש און פארעך.

ווערטו מיינען אז דא ענדיגט זיך עס, און בלויז פון דעם באשטייט די עבודה פון פרשת פרה? ניין! אין דעם אש און פארעך האט מען אריינגעמישט 'קוואל וואסער'! א פרישער חיות פונעם אויבערשטן! ווייל 'ביטול' וואס גייט נישט צוזאמען מיט 'געטליכקייט' - איז קיין 'ביטול' נישט! ווי דער 'שפת אמת' איז מסביר: **"וּלְהוֹסִיף בֵּאוּר, כִּי הַהַכְנָעָה בִּפְנֵי עַצְמָהּ אֵינוֹ עִקַּר הַמְּכֻוָּן. אֲבָל צָרִיךְ לִהְיוֹת בְּצֵרוּף חַיּוּת הַתּוֹרָה, דִּכְתִיב 'עֵץ חַיִּים הִיא לַמַּחֲזִיקִים'. וְצָרִיךְ כָּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל לִהְיוֹת חָזָק וְתַקִּיף בְּכֹחַ הַתּוֹרָה"**. צו זיין בלויז זאמד, דאס מיינט 'שטארבן', עס איז נישטא קיין שום סיבה פארוואס א מענטש זאל יעצט אריינגיין אין דער ערד בעפאר די צייט... על פי תורה טאר מען זיך נישט נעמען דאס לעבן! זיין א שוואכלינג און א צוקוועטשטער - דאס איז גארנישט קיין מעלה. א מענטש דארף זיין שוואך און ווייך מצד זיין אייגענע מציאות, אבער ער דארף זיין שטארק מצד דעם אויבערשטנ'ס מציאות! איך 'פאר מיר' בין טאקע גארנישט מיט נישט, אבער טאקע דערפאר, לאַן איך זיך אן אויפן אויבערשטנ'ס געטליכקייט און אויף זיין הייליגע תורה, נו, ווער קען זיך בכלל צושטעלן צו מיין שטארקייט - נאכדעם וואס איך לאַן זיך אן אויף אזא כח עליון!

קומט אויס, דער וואס איז עכט 'בטל', איז אסאך שטארקער ווי דער וועלכער איז נישט בטל, ווייל ער איז שטארק מיט דעם אויבערשטנ'ס כח!

## 'ביטול' צוזאמען מיט 'חיות'

**"וְזֶהוּ עֵץ אֶרֶז. וּבְצֵרוּף הַהַכְנָעָה שֶׁהוּא אֵזוֹב, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ שֶׁנִּדְמָה תּוֹרָה לְמַיִם שֶׁיּוֹרְדִין לְמָקוֹם נָמוּךְ, וְלָכֵן כְּתִיב 'מַיִם חַיִּים אֶל כֶּלִי', שֶׁהוּא כֵּלִים שְׁבוּרִים שֶׁמִּשְׁתַּמֵּשׁ הַשִּׁי"ת בָּהֶם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'אֶשְׁכּוֹן אֶת דַּכָּא' כו'. וְעַל יְדֵי צֵרוּף שְׁנֵי אֵלּוּ זוֹכִין לְטָהֳרָה"**.ביידע חלקים ווערן צוזאמגעפלאכטן, פון איין זייט איז ער א שטארקער טענענבוים, און פון צווייטן זייט איז ער א שוואכער גראזל. פון איין זייט פרישע קוואל וואסער - א געטליכער חיות מיט א פעסטקייט, און פון צווייטן זייט גייט דאס אריין 'אל כלי' - אין א צובראכן הארץ. אזוי, און נאר אזוי, ווערט מען ריין פארן אויבערשטן.

> עס שפירט זיך, ווי זיי זענען עפעס א גראזל וועלכע ווערט צובלאזן פון יעדן ווינטל. אבער ווען עס רעדט זיך פון אידישקייט! אה, דארט זענען זיי דא מיט כוחות פון א לייב

דאס איז דא דער חידוש פונעם 'חידושי הרי"ם' און 'שפת אמת'. נישט אז קודם קומט דער **'ביטול'** פון פרשת פרה, און דאס איז א הכנה צו די שפעטערדיגע **'חיות'** פון פרשת החודש, נאר פרשת פרה זעלבסט, דער **'ביטול'** זעלבסט, די 'טהרה' זעלבסט - האט שוין אויך אין זיך די 'מים חיים' - די פרישע 'חיות'. **דאס לערנט אונז: לויטער 'הכנעה' איז גארנישט ווערד, נאר בלויז ווען דאס איז דורכגעדרינגען מיט געטליכע חיות - דעמאלט איז עס טייער און הייליג.** אויב דרייט זיך איינער ארום מיט א געפיל פון 'איך בין א שטיק בלאטע' - איז דאס נאך גארנישט. ער האט זיך פשוט גע'הרג'עט און אריינגעלייגט אין קבר. נאר ווען ער וועט זיך שפירן ווי בלאטע, און ער וועט אבער צולייגן: "אבער פונעם אויבערשטנ'ס זייט - האב איך אלע מעלות און אלע קדושות!", דעמאלט האט ער טאקע דעם ריכטיגן ביטול.

שטייענדיג אין פרשת פרה, לאמיר מאכן דעם ריכטיגן ביטול, לאמיר זיך חזר'ן ווי שוואך מיר זענען מצד אונזער אייגענע מציאות, און ווי שטארק מיר זענען מיטן כח פון דער תורה! לאמיר פארשטיין, אז דער גאנצער ביטול קומט פון א פלאץ וואס הייסט 'אין עוד מלבדו', און ברוך השם אז מיר האבן אט דעם 'לבדו' כביכול.

# 'נאך' פורים

## פארוואס זיך פרייען מיטן 'טעימה פון אור' וואס פורים שענקט, ווען עס טוט מיר בלויז דערציילן ווי ווייט איך שטיי נאך? • וויאזוי גייט מען ווייטער, טראץ די גרויסע מרחק?

**משפיע:** אה, אברהם יצחק! מ'האלט שוין נאך פורים... וויאזוי איז געווען די עבודות, די געפילן?

**אברהם יצחק:** ברוך ה', ברוך ה'.

**משפיע:** און וואספארא נקודה האט דיר 'געכאפט' דעם פורים?

**אברהם יצחק:** אסאך נקודות, איך געדענק נישט פונקטליך... אבער אפשר איין נקודה וואס האט מיר געציפט דעם פורים, ווען פלוצלונג האב איך זיך געטראפן מיט די גאנצע בלאטע אויפן פנים, אויפאמאל בין איך געוואויר געווארן וואו ווייט איך שטיי, איך זאג טאקע אז כ'וויל קירבת ה', איך טוה אפילו אלע מיני גוטע זאכן, אבער ווי מ'זאגט: ס'קומט נישט פון טיפן הארצן... מיטאמאל האב איך געזען אז א גאנצע צייט בין איך פארנומען 'מיט' זיך און 'ארום' זיך...

**משפיע:** איך כאפ נישט פונקט וואס דו מיינסט, דו נוצט רמזים און איך דארף עס כאפן... זיי זיך מסביר.

> איין נקודה וואס האט מיר געציפט דעם פורים, ווען פלוצלונג האב איך זיך געטראפן מיט די גאנצע בלאטע אויפן פנים

**אברהם יצחק:** ס'איז א פארנעפלטע געפיל. און כרגע שפיר איך עס נישט, אבער אינמיטן פורים האב איך קלאר געשפירט אז כ'בין זייער ווייט, און באמת האט דער געפיל איבערגעלאזט א רושם אויף מיר ביז יעצט, אבער כ'קען עס נישט ארויסברענגען מיט קלארע ווערטער...

**משפיע:** איין מינוט, לאמיר דיר פרעגן: געווענליך איז פורים א צייט ווען ס'ווערט נתעורר מורא'דיגע געגועים צו קירבת ה', דאס הארץ רוישט מיט געוואלדיגע כיסופין צום טאטן אין הימל... פארשטיי איך נישט, ביי דיר איז געווען פארקערט? דו האסט געהאט געפילן פון ריחוק, יאוש צי וואס? ווייל אזוי קוקט אויס פון דיינע ווערטער...

**אברהם יצחק:** ניין, ניין! דער משפיע האט נישט פארשטאנען! זיכער איז מיר ארויפגעקומען אויסטערלישע געפילן פון תשוקה און קירבת ה'! בשעת'ן טרינקען האב איך געשפירט א קירבת ה' וואס איז שווער צו שילדערן, געפילן וואס איך טו נישט מיטלעבן א גאנץ יאר. פשוט דווקא פון די געפילן האב איך געכאפט וואו ווייט כ'בין פון די נקודה אליינס, פלוצלונג האב איך געכאפט וויאזוי מ'דארף באמת שפירן, צו וואס מ'דארף באמת אנקומען... כ'האב געכאפט אז מיינע אלע געפילן פון קירבת ה' און רצון אנצוקומען צו העכערס פון ביז יעצט, איז ווייט פון וואס ס'דארף באמת זיין...

בשעת די טייערע מינוטן פון פורים, האב איך געשפירט א זלזול אויף אלע וועלטליכע זאכן, כ'האב נישט געקענט פארשטיין וויאזוי מ'קען זיך אפגעבן מיט אזעלכע שטותים, וויאזוי קען מען זיין פארנומען מיט אלערליי חשבונות, קנאה און כבוד... ס'איז אזוי קלאר אז 'אין עוד מלבדו', ווען למעשה שפיר איך זיך אזוי ווייט דערפון, כ'לעב בכלל נישט אזוי...

**משפיע:** נו, איז דאך גוט! ב"ה אז דעם פורים איז דיר נתגלה געווארן די אמת'ע נקודה צו וואס מ'דארף אנקומען. 'נכנס יין יצא סוד', דער 'סוד' איז באגראבן אין דיין הארץ, און ענדליך האסטו דערכאפט א קלארקייט וואס דו ווילסט באמת, וואס דיינע תשוקות זענען, און וואו דו ווילסט אנקומען... פארוואס ביסטו צובראכן דערפון? ס'הערט זיך פון דיר אז דו ביסט ארויס מיט נישט-גוטע געפילן, עפעס אן אנטוישונג פון פורים...

**אברהם יצחק:** אין הכי נמי, א געוויסע אנטוישונג. דער אמת איז, ווען איך וואלט געקענט לעבן א גאנץ יאר מיט דעם אמת'ן, געשמאקן געפיל... הלוואי! אפילן אויב כ'וואלט נישט גלייך געקענט דערגרייכן צו דעם מצב, אבער ווען איך ווייס כאטש וויאזוי מ'קומט אן דערצו וואלט מיר גענוג געווען, דער פראבלעם איז אז כ'ווייס נישט פונקט וואס צו טון אנצוקומען דערצו.

איך שפיר אז מסתמא איז עס זייער א שווערע ארבעט, וואס דויערט א לאנגע צייט ביז מ'איז זוכה צו לעבן א גאנץ יאר מיט אזא געהויבענע מצב פון 'העכער גשמיות'...

**משפיע:** בקיצור, שפירסט זיך פארלוירן פון די עצם מחשבה וויפיל עבודה מ'ערווארט פון דיר ביזן זוכה זיין, צו כאטש אביסל שפירן די אמת'ע, ריכטיגע געפיל פון פורים...

**אברהם יצחק:** פונקט אזוי, בין איך נישט גערעכט? איז נישט קיין אנטוישונג צו זען דעם אמת פאר די אויגן און זיך נישט זען אנקומען דערצו...

### מיטן גלעזל בראנפן האבן מיר זיך געהאלטן אין גלות...

**משפיע:** קוק, פאר מ'ווערט צובראכן און מ'נעמט זיך זוכן עצות, דארף מען צוערשט דאנקען השי"ת פארן אונז כאטש איינמאל א יאר געבן א שטיקל טעימה פון דעם אמת'ן לעבן! ס'איז א וואונדערליכע מתנה, אויף וואס מ'דארף אן א שיעור דאנקען!

הרה"ק מסאטמאר זי"ע פלעגט זאגן אז ווען נישט דעם יו"ט פורים וואלטן מיר נישט געקענט איבערטראגן דעם לאנגן ביטערן גלות. די טעימה פון וואס דו רעדסט איז אייגנטליך א טייל פון די אור פון פורים כדי אויסצוהאלטן דעם גלות, ווייל די זיסע געפילן געבן אונז האפענונג, ס'געבט אונז די כח צו ממשיך זיין און צו משתוקק זיין צו קירבת ה'. אפשר קען מען צולייגן אז דאס איז די 'גלעזלע בראנפן' פון וואס צדיקים האבן גערעדט, אז מיט דעם וועלן מיר מקבל זיין פני משיח צדקינו און אים אנצייגן אז מיט דעם האבן מיר אויסגעהאלטן דעם גלות. די 'גלעזעלע' איז כביכול א זיסע 'לחיים' וואס מיר באקומען פון הימל, א הארה פון קירבת ה', וואס אפילו אויב מיר זענען נישט מצליח פארצוזעצן א גאנץ יאר דערמיט, דארף מען פארט דאנקען השי"ת דערויף, ווייל סוף כל סוף טוט עס אונז דערמאנען צו וואס מיר טוען עכט געהערן און וואס איז אונזער שורש.

**אברהם יצחק:** פיין, כ'האב טאקע נישט געכאפט אז אויף דעם אליינס דארף מען דאנקען השי"ת. אבער פארט, וואס איז דער תכלית? וואס טוט מען מיט די אנטוישונג וואס מיר האבן גערעדט? דארף מעןווארטן ביזן קומענדיגן פורים...?

**משפיע:** לאמיר צוגיין צום ענין. צומאל טרעפט זיך א מענטש מיט א בילד פון 'שלימות', ער האלט נאך אנהייב עבודה, ווען פלוצלונג ווייזט מען אים א בילד פון אמת'ע שלימות. וואס געשעט איז אז דער מענטש האט חלישות הדעת פון דעם אז ער האלט נאך אנהייב וועג מיט אזויפיל ארבעט פאר זיך... שטעל זיך פאר א יונגערמאנטשיקל וואס זעצט זיך לערנען 'סופרות', מיט גרויס יגיעה שרייבט ער זיין ערשטע 'אל"ף', און דאן ווייזט מען אים א פרעכטיגע מגילה פון אן ערפארענער סופר... ער ווערט צעבראכן, וואו שטייט ער און וואו שטיי איך? וויאזוי קומט מען צו צו אזא שלימות?

וואס איז דער ענטפער? א מענטש שטארקט זיך ווען ער קלארט זיך אויס וואס 'איך' דארף טון כדי זיך פאראויס צו רוקן. ער מאכט קלאר וואו ער שטייט יעצט, און מיט וואס ער קען זיך רוקן. און דער עיקר, זיך קלאר מאכן אז ער וועט גארנישט פארדינען פון טראכטן א גאנצע צייט פון יענעמ'ס שלימות, ווייל די מחשבות העלפן נישט! אנהייב וועג איז נישט שייך אנצוקומען צו שלימות, אפילו אויב מ'זאל וועלן מיט די גאנצע הארץ, מ'קען נישט אנהייבן שרייבן אזוי ווי יענער סופר מומחה וואס שרייבט שוין לאנגע יארן, אין איין טאג. אבער וואס דארף מען טראכטן? טראכטן וואס 'איך' קען, אנשטאט וואס 'יענער' טוט.

**אברהם יצחק:** און אפשר סתם א שאד אז מ'האט אים באוויזן יענער מגילה, מ'האט אים אבי ארייגעלייגט אין נסיונות...

### וויסן צו וואס מ'וויל אנקומען

**משפיע:** נישט פונקט. וואלט מען אים נישט געוויזן וויאזוי שלימות קוקט אויס, וואלט ער נישט געשטרעבט אנצוקומען דערצו, ער וואלט זיך באגנוגנט מיט אביסל און קיינמאל געמאכט פארשריט. נאר פון צייט צו צייט כאפט מען א בליק אויפן אמת'ן תכלית, און אזוי ווייסט מען אז מ'דארף נאך ארייגלייגן כח כדי צו גיין ווייטער.

מסתמא קענסטו די מעשה מיטן הייליגן סטרעליסקער זי"ע, וואס האט געהאט א גאנצע חבורה פון הייליגע תלמידים, וועמענ'ס פייער אין עבודת ה' האט זיך גענומען פון צוקוקן אויף די מורא'דיגע עבודות ה' עד כלות הנפש פון זייער רבי'ן דער שרף, און ער האט פארגעשלאגן פאר איין תלמיד

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הרה"ח ר' אהרן דייטש שליט"א
לרגל שמחתו בהולדת בתו למז"ט
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנה רוב נחת דקדושה

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הרה"ח ר' זיידא ראטנבערג שליט"א
לרגל שמחתו בנישואי בנו למז"ט
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע יזכו לבנות בית נאמן בישראל
שיתקיים בע"ה יום א' באולם 'תפארת עלקא' מאנסי

הפצת הגליון
בק"ק וויען
נתנדב ע"י
הבודדת הבהודים

- וואס זיי זענען כידוע געווען שרעקליכע ארעמעלייט - איז צו בעטן סיי וואס ער וויל, האט יענער גלייך אויפגעשפרינגען צו בעטן אז ער וויל כאטש איינמאל אין לעבן זאגן 'ברוך שאמר' אזוויו דער רבי זאגט עס! ער האט נישט געבעטן קיין געלט אדער כאטש עפעס הרחבה אין שטוב, נאר זיין גאנצע גלוסטעניש איז געווען צו זאגן א 'ברוך שאמר' ווי מ'דארף! לכאורה איז שווער אויף יענעם חסיד, אויב האט ער געקענט בעטן וואס ער וויל, און אויב איז דאס געווען זיין גאנצע שטרעבונג, פארוואס האט ער עס בלויז געבעטן אויף 'איינמאל'? ער וואלט געדארפט בעטן צו זאגן 'ברוך שאמר' ווי דער רבי יעדן טאג?

האבן חסידים ערקלערט, אז די סיבה איז וויבאלד דער עיקר איז אליינס צו ארבעטן! פארן חסיד איז בכלל נישט איינגעפאלן צו בעטן אז מ'זאל אים אומזיסט שענקען אזעלכע מדריגות און אורות אויף וואס ער האט זיך נישט געפלאגט! נאר מיט דעם האט ער געוואלט באקומען א טעימה צו וויסן די ציל צו וואס ער וויל אנקומען, און דערנאך אליינס ארבעטן אהינצוקומען!

**אברהם יצחק:** הייסט עס אז די זיסע געפיל פון פורים אז די גאנצע וועלט איז נארישקייטן, און די איינציגע תכלית איז צו זיין אינגאנצן בטל צו רצון ה', איז א טעימה מיטן ציל אז מיר זאלן וויסן צו וואס מ'דארף אנקומען, און אונז געבן א שטופ זיך צו ווייטער רוקן?

**משפיע:** פונקט אזוי.

## מי מטהר אתכם? אביכם שבשמים!

**אברהם יצחק:** אבער נאך אלץ בין איך אנטויש, ווייל ס'איז בכלל נישט זיכער אז כ'וועל מצליח זיין אנצוקומען צו שלימות, ווי אויך די שווערע ארבעט וואס ס'פאדערט זיך אנצוקומען דערצו ברענגט מיר א חלישות הדעת און יאוש ח"ו.

**משפיע:** לאמיר דיר זאגן א שטארקע יסוד אין קורצן, וואס איז נישט נאר נוגע דיין שאלה, נאר איז בכלליות א וויכטיגע יסוד פון אן עובד ה'. מ'דארף וויסן, אז מצד דעם מענטש איז אוממעגליך אנצוקומען צו שלימות! וויאזוי קען א מענטשעלע זיך אליינס משלים זיין פאר אזא גרויסער באשעפער? נאר דער מענטש דארף טון אלץ וואס ער קען, און 'אלץ' וואס ער 'קען' באדייט: קוקן וואו מ'האלט יעצט און נעמען איין טריט פאראויס! דאס פארלאנגט מען פון אים, און ווען א מענטש טוט וואס מ'פארלאנגט פון אים, איז השי"ת משלים די עבודה, אזוי איז עס נחשב אין הימל ווי גלייך מ'האט עס געמאכט בשלימות.

אצינד ווען מ'האלט 'שבת פרה' באקומט די נקודה א גרעסערע משמעות, ווי רבי עקיבא האט געזאגט סוף מסכת יומא, "אשריכם ישראל, מי מטהר אתכם? אביכם שבשמים!", רבי עקיבא זאגט אונז, מיין נישט אז 'דו' דארפסט זיך מטהר זיין און אז בלויז דורך דיינע מעשים קענסטו זיך הייבן העכער אלע טומאות עולם הזה, נאר ווער איז דיר מטהר? אביכם שבשמים! פארוואס קען זיך נישט א מענטש אליינס מטהר זיין? ווייל זייט זיך מתבונן: "לפני מי אתם מטהרים"? איר דארפט זיך מטהר זיין פאר אזא גרויסער באשעפער, ס'איז נישט שייך פאר א בשר ודם זיך צו הייליגן פארן אין סוף! נאר וואס? "אשריכם ישראל", איר דארפט טון דאס אייערע, ווייל "אתם מטהרים", וויפיל איר קענט, און דאן "מי מטהר אתכם - אביכם שבשמים", השי"ת ווי א ליבליכער טאטע איז אונז משלים און מטהר פאר אים.

ריכטיג אז דו זעסט א גרויסע און לאנגע עבודה פאר זיך, אבער ווען א מענטש הייבט זיך אן מטהר זיין לויט זיין מעגליכקייט, טוט אים השי"ת מטהר זיין בתכלית השלימות.

**אברהם יצחק:** מורא'דיג, טאקע אשריכם ישראל...

**פונקען** / קודש יסודות פון תלמידי הבעש"ט ז"ע

**שמייכל איז ראשי תיבות ש'נהיה כ'ולנו מ'שועבדים ל'עבודתו י'תברך, טאקע ס'איז נישט לויטן סדר, ווייל דאס איז די חכמה זיך צו פרייען אפילו ווען ס'שטימט נישט אלעס לויט ווי מ'האט גע'חשבונ'ט.**

מ'זאגט נאך בשם הרה"ק ה'עטרת צבי' מזידיטשוב זי"ע

# א הימלישע ברית

"דער רבי האט א שטרענגע קפידה נישט צו פארן ערב שבת נאך חצות!", ענטפערט דער גבאי פארסאפעטערהייט, בשעת זיינע פלוצלונגדיגע, האסטיגע קלעפ אויפן טיר האט אינגאנצן באנומען ר' שמואל.

"האב איך נישט געהאט קיין ברירה", שיסט דער גבאי ארויס זאצן צווישן איין אטעם מיטן צווייטן, "כ'האב געכאפט א פערד און וואגן, און אריבערגעריסן א וועג כדי דיר צו בעטן מאכלי שבת פארן רבי'ן!".

"זארג זיך נישט", טוט אים שמואל שנעל בארואיגן, "זעץ זיך אוועק, און ביז א האלבע שעה וועט מען באזארגן אלע מאכלים".

"קינדער! איר האט נישט קיין אהנונג וואס מיר האבן יעצט זוכה געווען...", רופט שמואל זיין געזינדל וואס האבן זיך צונויפגעזאמלט פון אלע עקן הויז.

"דער צדיק רבי אלעזר פון קאזשניץ, און אייניקל פונעם קאזשניצער מגיד האט זיך אפגעשטעלט אויף שבת אינעם דערנעבנדן שטעטל, און דער משמש איז אהערגעקומען אונז צו בעטן צו באזארגן עסן פארן צדיק!".

"דער רבי האט דארט נישט קיין מנין", מערקט דער עלטסטער זון אויף, "אפשר זאלן מיר אהינפארן אויף שבת מיט אפאר שכנים צו משלים זיין א מנין?".

דער פארשוויצטער גבאי שאקלט צו צום פארשלאג, און יו"ט-אינדערווארן ברעכט אויס אין הויז. דער טאטע נאכגעפאלגט מיט זיינע קינדער, לויפן ארויס איינצומעלדן אפאר שכנים די זכיה וואס האט זיי באטראפן, און די עקרת הבית יאגט זיך אריין אין קאך איינצואורדענען די מאכלים.

ביז געציילטע מינוט באווייזן זיך שמואל מיט זיינע קינדער ביים טיר באגלייט מיט אפאר שכנים, יעדער מיט א פאס אין די הענט.

"שמואל, נעם דיר אונזער גאנצע שבת פארן רבי'ן, איך מיט די קינדער וועלן זיך שוין אן עצה געבן ביז זמן", באווייליגט זאגט זיין אשה כשירה.

מיט א געהויבענע שטימונג שטופן זיך די צען חסידים מיט זייערע טעפ אויפן גבאי'ס וואגן, און רייזן פרייליכערהייט צום צדיק.

השבת נועם הנשמות. אזוי קען מען אנרופן דעם שבת. די חסידים הייבן זייערע נשמות בקדושת היום בצילא דמהימנותא, אין א מקום וואו ס'איז נאר פאראן קוב"ה און זיין אות מיט כלל ישראל, בשעת זיי פרייען זיך אז זיי האבן געקענט שאפן א קורת רוח פארן צדיק.

מוצאי שבת. דער רבי ווענדט זיך צו זיי: לאמיר אייך דערציילן א מעשה וואס האט פאסירט ביים רבי'ן פון לובלין זי"ע.

**יעדער נייגט אן אויער, דער צדיק דערציילט:** זיינדיג א מוהל, האט דער חוזה געהאט א שטייגער אז אין א טאג און ווען ער האט געדינט אלס מוהל, האט ער אנגעטאן א ווייסע מלבוש. ווי ערשטוינט זענען די חסידים געווען, ווען אין 'גרינעם-דינסטאג' זעען זיי דעם רבי'ן געקליידעט אינעם 'ברית-בעקיטשע'?

די נאנטע תלמידים וואס האבן פארשטאנען אז יעדער ריר ביים צדיק ענטהאלט א טיפערע משמעות, האבן געווארט פאר א שעת-הכושר פארצולייגן זייער וואונדער פארן רבי'ן.

פורים איז געווען א צייט אין לובלין, ווען אסאך תלמידים האבן גענומען די דרייסטקייט אנצופרעגן ביים חוזה אזעלכע שאלות וואס געווענליך וואלטן זיי זיך פארמיטן דערפון. און טאקע אום פורים נאך דער פאסירונג איז צוגעטרעטן א תלמיד צום רבי'ן און אנגעפרעגט פשט פון דאס אנטון די ווייסע מלבוש אן זיין א מוהל.

"הערט א מעשה", הייבט דער הייליגער חוזה אן זיינע געהויבענע דיבורים, "ס'איז געווען א איד, א גביר וועמענ'ס געשעפטן האבן צוגעפירט צו ווילן דא אין לובלין ביז הארט פאר שבת, אזוי אז ער וואלט נישט עספיעט אהיימצופארן פארן זמן.

דער גביר האט זיך געטראפן אין אן ערנסטע פארלעגנהייט. ער האט נישט געהאט קיין באקאנטע אין שטאט, דערצו האט ער געליטן פון א שרעקליכע קרענק וואס הייסט 'קארגשאפט'... און זיך נישט פארגינט צו דינגען אן אכסניא.

ענדליך איז אים איינגעפאלן א געדאנק: חסידים האבן דאך גוטע הערצער, וועט ער פארוויילן דעם שבת צווישן די שטאטישע חסידים וואס וועלן אים זיכער אלעס צושטעלן כאטש ער איז נישט קיין חסיד.

אזוי ער האט געטון, ער איז אהערגעקומען און מ'האט אים צוגעשטעלט עסן און צו שלאפן פארן גאנצן שבת.

ווי דער סדר, איז ער מוצאי שבת אריינגעקומען מיט א קוויטל, און צושטייערן געגעבן א האלבע גראשן אויף פדיון, זיך נישט ערלויבנדיג צו געבן מער. ער האט באקומען א ברכה און איז אהיימגעפארן.

א צייט דערויף איז ער נפטר געווארן, און נאכן דורכגיין זיכוכים האט ער אנגעהויבן ארויפגיין אין די עולמות העליונים. צו זיין שאק, האבן מלאכים פאראהאלטן זיין וועג מיט א טענה אז ער איז נישט געמ'מל'ט. זיין מוהל האט אים נישט גע'מל'עט כהלכה.

האט זיך דער מענטש פארטיידיגט פאר די מלאכים: "וויאזוי קענט איר אזוי זאגן?! איך בין געווען ביים חוזה, וואס זעט מסוף עולם ועד סופו, און וואלט ער דערזען א פגם אויף מיר וואלט ער עס מיר געדארפט אנווייזן!".

אין הימל האט מען אנגענומען די טענה. ער האט באקומען רשות אראפצוקומען כדי איך זאל מתקן זיין זיין ברית מילה. פאר דעם האב איך אנגעטאן דעם ווייסן בעקיטשע יענעם טאג!

ענדיגט דער צדיק רבי אלעזר צו:

אזא טובה האט דער חוזה געטון פאר א איד פון אזא נידריגע מדרגה, פשוט ווייל יענער איז געקומען צו אים, און לאמיר נישט רעדן פארוואס ער איז צו אים געקומען... איר, וואס זענט ספעציעל אהערגעקומען צו פראווען דעם שבת אינאיינעם, איז פשוט אז א דאנק דעם וועט נשפע ווערן אויך אייך אן א שיעור טובות וישועות בזה ובבא...

מקור: יפה שיחתן

# פרה אדומה היינטיגע צייטן?

## וואס געבט אונז צו פרשת פרה, ווען די פרה אליין האבן אונז בכלל נישט, און ס'איז דאך שוין נישט קיין חלק אין קרבן פסח?

## שאלה:

חז"ל האבן מתקן געווען צו ליינען די וואך אין די תורה פרשת פרה, און לויט טייל ראשונים איז עס גאר א דאורייתא (עיין משנ"ב), וויל איך פארשטיין מיט וואס איז די מצוה פון זיך מטהר זיין פון טומאת מת, אנדערש פון הונדערטער אנדערע מצוות אז מען דארף דערפאר א באזונדערע שבת'דיגע קריאה? וואס איז די ציהל פון די קריאה פון פרשת פרה? וואס וויל מען דערמיט דערגרייכן? ולפי זה וויל איך הערן וואס איז אונזער עבודה אין דעם שבת?

## תשובה:

על פי פשטות, ווי מיר לערנען אין דברי חז"ל, איז פרשת פרה נתתקן געווארן אלס הכנה צום קרבן פסח. ווייל כדי מקריב צו זיין קרבנות אין בית המקדש דארף מען דאך זיין טהור פון טומאת מת, וואס קען נאר זיין דורך שפריצן מי חטאת וואס האט אין איר אביסל אש פון די פרה אדומה, דעריבער לייגט מען פרשת פרה - אלס הכנה צו הקרבת קרבן פסח (וואס מיר וועלן ליינען פרשת החודש) וואס דאס איז די ראש וראשון, ד.ה. די שורש פון אלע קרבנות, און דורך איר ווערן אידן נאנט צום אויבערשטן (און דאס איז אויך די איינציגסטע קרבן וואס אויב מען איז איר מבטל איז דא א חיוב כרת).

**אין אנדערע ווערטער,** פרשת פרה ברענגט ארויס די **בענקשאפט און גלוסטעניש** מקריב צו זיין קרבנות בכלל, און דעם קרבן פסח בפרט. ווייל דער כלל איז: די הכנה צו א מצוה איז די בענקשאפט צו די מצוה.

אבער מיט אביסל א טיפערע מחשבה, ווערט שווער. סוף כל סוף, איז די מצוה צו זיין טהור פון טומאת מת, נישט קיין חלק פון די מצוה פון מקריב זיין קרבנות, נאר ס'נעמט פשוט אוועק די זייטיגע שטערונג - די טומאה - וואס שטערט אים פון מקריב זיין דעם קרבן. איז זייער אינטערעסאנט, פארוואס האבן חז"ל מתקן געווען דווקא אט די פרשה אלס הכנה און אויף צו ערוועקן די תשוקה צו הקרבת קרבן פסח, אין די צייט וואס ס'איז בכלל נישט קיין חלק פון די מצוה. אזיווי ס'פשוט אז איינער וואס איז נישט טמא געווארן טומאת מת, קען מקריב זיין א קרבן פסח, אן אפר פרה. און נאך מער איז שווער, היינטיגע צייטן, כל עוד מיר זענען נאך ליידער אין גלות, וואס געבט אונז צו פרשת פרה, ווען די פרה אליין האבן אונז בכלל נישט, און ס'איז שוין גארנישט קיין חלק אין מקריב זיין קרבן פסח?

**און אפילו נאכן לערנען אין די ספרים הק' אויף פרשת פרה,** וועלכע זאגן אלע, אז מכח תקנת חז"ל צו ליינען פרשה פרה, ווערט נתעורר מלמעלה אין דעם שבת, די כח הטהרה וואס ווערט נשפע פון פרה אדומה - **בלייבט שווער,** ווייל וואס האבן מיר דען פון דעם וואס עס ווערט נתעורר א כח הטהרה פון טומאת מת, אויב בגשמיות ווערן מיר בפועל נישט טהור פון טומאת מת. און למעשה ווערן מיר נישט טהור אריינצוגיין צום מקום המקדש און מקריב זיין קרבנות דארט, איז וואס האט מען אויפגעטוהן מיטן ליינען פרשת פרה?

## די פנימית'דיגע מהות פון טהרה

**די תשובה אויף דעם אלעם איז די הבנה אין די פנימית'דיגער מהות פון טהרה.**

דאס איז פשוט אז אפר פרה איז נישט א טעכנישע פאטענט פון עטליכע טראפנס וואסער וועלכע זענען מטהר טמאים - פונקט אזוי ווי טומאת מת איז נישט קיין טאפעדיגער שווייס אדער שאלאכטס וואס מען דארף פשוט אראפוואשן איידער מען גייט אריין אין מקום המקדש. ניין! דאס איז הוילע ענינים רוחניים. טומאה איז א רוחניות'דיגער ענין פון כוחות הטומאה וואס רוען אויף א מענטש. און דאס זעלבע פארקערט איז טהרה אן ענין רוחני פון כוחות הקדושה וואס רוהט אויף א מענטש.

ווען א רוח הטומאה איז שורה אויף א מענטש, קען ער נישט אריינגיין אין א מקום קדוש, און ווען ער איז מקבל אויף זיך א רוח טהרה פון מי חטאת, ווערט די טומאה נתבטל, און פון יעצט קען ער שוין יא אריינגיין אין בית המקדש. דאס איז נישט נאר ווי אוועקנעמען 'א בלאקירונג' אויף מקריב זיין קרבנות, נאר א פאקטישער ממשית'דיגער המשכה פון געטליכער לעכטיגקייט אויפן מענטש, וואס איז מבטל די טומאה וואס ער האט געהאט אויף זיך, און מאכט אים ראוי נתקדש צו ווערן בקדושה עליונה.

אין אנדערע ווערטער, אין די וואסער מיט די אש פון די פרה אדומה, איז פארהאן א רוחניות'דיגע כח פנימי, א געטליכער אור, וואס ווערט נמשך אזוי ווי אין יעדע מצוה. און ס'איז נישט נאר א טהרה בפועל פון טומאת מת אליין, נאר א כללית'דיגע טהרה, ס'איז א געטליכע המשכה פון א פנימית'דיגע טהרה פאר די נשמה.

אלס די רוחניות'דיגע טהרה, וואס קומט מצד הנשמה, קען ער זוכה זיין אריינצוגיין נאכן ליינען פרשה פרה צו מקום בית המקדש של מעלה

**וואס איז דאס טומאה? און פארוואס ווערט נמשך א טומאה דורך א מת דוקא?**

טומאה איז הסתרה פון געטליכקייט, און אזוי אויך מיתה וואס איז פארקערט פון לעבן. וואס דער מקור החיים איז דאך דער אויבערשטער דער איינציגסטער מקור פאר יעדע סארט לעבעדיגקייט, ווי מיר זאגן ביים דאווענען "ואתה מחיה את כולם". א איד וואס רירט אן א מת, שטרויכלט זיך אן אין די כח הטומאה וואס באהאלט די התגלות פון השי"ת אויף די וועלט, וואס דערמיט האט ער רח"ל באקומען עפעס שייכות צו די הסתרה אויף געטליכקייט. און דעריבער ווערט ער דערווייטערט פון צו קענען אריינגיין אין מחנה שכינה און מקריב זיין קרבנות, וועלכע זענען מגלה אלקותו יתברך.

וואס איז די עצה? דורך שפריצן פון די מים חיים פונעם אפר פרה, איז מען ממשיך אויפן מענטש א נייע גילוי אלקות, וואס דאס איז אסאך העכער און שטערקער פונעם הסתר פון מיתה. און ממילא ווערט בטל די רוח הטומאה, און דער איד קומט צוריק צום אויבערשטן. ווי א מעדעצין היילט א קראנקן להבדיל, אזוי העלפט די גרויסע טהרה צו היילן דעם הסתר.

## היוצא מדברינו:

אז די ענין פון טהרה איז א העכערע המשכה פון טהרה פאר די נשמה. און ממילא, ווען די ספה"ק זאגן אונז, אז אום שבת פרה ווערט נמשך טהרה פון אויבן, האט דאס זיכער א גרויסער משמעות, אויך יעצט בזמן הגלות און אויך אין אונזער דור יתום. אויך איז שוין פארשטענדליך פארוואס די טהרה פון 'אפר פרה' איז אומאפטיילבארע הכנה און הקדמה צום קרבן פסח.

דער מהות פון פסח איז התקרבות צום אויבערשטן! און טהרת הפרה איז די זעלבע זאך, א הכנה צו נתקרב ווערן צום אויבערשטן. און ס'איז ידוע דער כלל, אז התקרבות צום אויבערשטן איז תלוי אין די הכנה, און לויט וויפיל מ'בענקט דערצו. אויב אזוי איז קלאר, אז מ'קען נישט צוגיין צו קרבן פסח אן פרשת טהרת הפרה.

למעשה קומט אויס, אז ווען דער איד לייגט פרשת פרה, איז ער באמת זוכה צו ווערן טהור, און כאטש ער וועט אוודאי געוויס נישט קענען אריינגיין נאכדעם מוצש"ק אין די עזרה. דאס איז נאר ווייל צו טוהן א מעשה גשמי דארף אויך זיין א טהרה גשמי, בפועל ממש. אבער אלס די רוחניות'דיגע טהרה, וואס קומט מצד הנשמה, קען ער זוכה זיין אריינצוגיין נאכן ליינען פרשת פרה צו מקום בית המקדש של מעלה, דהיינו נתקרב צו ווערן צו השי"ת מיט אן אמת.

## עבודה למעשה:

**און ערשט לאמיר צוגיין צו די עבודה למעשה:**

**א.** קודם כל, די עבודה דעם שבת איז, צו ערוועקן א תשוקה צו הקרבת קרבנות בפרט, און צו די גאולה און בנין בית המקדש בכלל. וואס דאס אלעס איז א התגלות פון א נאנטקייט צו השי"ת. נאך וואס די העכסטע און הייליגסטע פלאץ פון השראת השכינה איז אין בית המקדש און מיט קרבנות.

**ב.** אזוי אויך דארף מען זיך אין דעם היינטיגן שבת ערוועקן א רצון צו טהרה, זיך חזר'ן אין די מחשבה 'רבש"ע! איך וויל זיין ריין פאר דיר!'. וואס 'זיין ריין' טייטשט, אוועקנעמען יעדע מסך המבדיל צווישן מיר און השי"ת. טהרה איז ווען די אייביגער קשר צווישן מיר און דעם אויבערשטן איז נישט פארשטעלט און באהאלטן. ס'איז נישטא קיין זאכן וואס שטערן און האקן איבער דעם קשר אלס תוצאה פון שלעכטע מעשים און מדות ח"ו, די קשר איז גאנץ און ריין.

**ג.** אין ספרי מוסר וחסידות ווערט מבואר אז די עיקר קליפות און כוחות טומאה וואס נעמען ארום א מענטש קומען פון גאוה און ישות, און די טהרה אויף דעם איז ביטול. און דעריבער איז טהרת פרה אדומה דווקא מיט פשוט'ע אש, און א קליין אזוב גראזעלע א.א.וו. דעריבער איז ספעציעל כדאי זיך אביסל מער מתבונן זיין אין אין אט די נקודה פון ביטול - כאטש דאס איז אלעמאל פון די עיקרי עבודה פון א איד אויף די וועלט - די טייטש פון ביטול איז: איך עקזיסטיר נישט צוליב מיר, נאר איך בין דא מיטן כח פונעם אויבערשטן, צוליב דעם אויבערשטן, כדי צו לעבן מיט אים און טוהן נאר זיין ווילן.

**ד.** וויבאלד יעצט בזמן הגלות האבן מיר ליידער נישט קיין אפר פרה בפועל, און די טהרה איז ברוחנית, דעריבער איז מען עס ממשיך מיט רוחניות'דיגע וועגן - תורה ועבודה. תורה קען מיינען: לערנען מסכת פרה, לערנען רמב"ם הלכות פרה, לערנען חסידישע ספרים על פרשת פרה. און עבודה מיינט: ארויסנעמען די געדאנק וואס מען האט געלערנט אינעם חסידישן ספר און עס אריינברענגען אין פיזישן לעבן, בענקען און וועלן, דאווענען און בעטן דערויף.

מיט א תפלה צום מטהר טמאים, אז מיר זאלן שוין אינגיכן זוכה זיין צו די הבטחה "וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם".

דימון | עיצוב וחדשנות BRN



אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, רופט דער גבאי: 347.452.3118
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483